**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באשטימונגען פאר די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט, אפעלאט דיוויזיע**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די באשטימונג פון די געעהרטע מארשא מייקעל פאר א ליידיגע זיץ אויף די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט, אפעלאט דיוויזיע, ערשטע דעפארטמענט.

"אונזער לעגאלע סיסטעם איז אנגעוויזן אויף קלוגע און שארפזיניגע ריכטער צו אנפירן אונזערע געריכט הייזער און דורכפירן גערעכטיגקייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו באשטימען די געעהרטע ריכטערין מארשא ד. מייקעל צו די אפעלאט דיוויזיע, ערשטע דעפארטמענט, און איך בין זיכער אז זי וועט באדינען ניו יארקער מיט אויסגעצייכנטקייט."

ריכטערין מארשא ד. מייקעל דינט יעצט אלס אסאָסיעט ריכטערין אויף די אפעלאט טערמין פון די סופרים געריכט פאר די 1'טע און 12'טע געריכטליכע דיסטריקטס. זי איז ערוויילט געווארן צו די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט, אין די 12'טע געריכטליכע דיסטריקט (בראנקס קאונטי) אין 2018.

ריכטערין מייקעל האט אנגעהויבן איר געריכטליכע קאריערע אין 2015, ווען זי איז ערוויילט געווארן צו די באנק אלס א ריכטערין אויף די ניו יארק סיטי ציווילע געריכט אין בראנקס קאונטי. זי איז באאויפטראגט געווארן צו זיצן אויף די ניו יארק סיטי קרימינאלע געריכט, וואו זי האט איבערגעזעהן פעלער פון משפחה אביוז פארברעכן פון 'מיסדימינער' שטאפל און אזוי אויך דורכגעפירט דזשורי פראצעסן.

בעפארן זיך אנשליסן אויפן באנק, האט ריכטערין מייקעל געדינט אלס פרינסיפעל געזעץ קלערק פאר די געעהרטע דעבארע א. דאולינג און געעהרטע דזשעניס ל. באומען. ריכטערין מייקעל האט אנגעהויבן איר לעגאלע קאריערע אלס אסאָסיעט ביי א ציווילע קלאגעס פירמע אין בראנקס קאונטי, נאכן באקומען איר JD דעגרי פון די אלבאני געזעץ סקול אין 2002.

ריכטערין מייקעלס זעצט פאר צו דינען די פובליק אין בראנקס קאונטי וואו זי איז געווען א פראפעסארין אין מאנראו קאלעדזש און וואו זי פירט אן א געריכטליכע אינטערנשיפ און מענטארשיפ פראגראם בשותפות מיט אירע געריכטליכע קאלעגן און מיט א לאקאלע בראנקס היי סקול. די אינטערנס ארבעטן פאר א גאנצע יאר אלס אינטערנס פאר ריכטער וואס זיצן אויפן ציווילע, קרימינאלע און פאמיליע געריכט. ריכטערין מייקעלס איז אויך די פארזיצערין פון די 'דזשענדער יושר'דיגקייט קאמיטע' פון די פאראייניגטע געריכטן, 12'טע געריכטליכע דיסטריקט; אלס מיטגלידערין פון די 'געריכטליכע פריינט ארגאניזאציע'; די נאציאנאלע אסאָסיעישען פון פרויען ריכטערינס, NY אפטיילונג; די געריכטליכע קאונסיל פון די נאציאנאלע 'באַר' אסאָסיעישען; און אלס באורד מיטגלידערין פון די סופרים געריכט ריכטער אסאָסיעישען פון ניו יארק סיטי ( Supreme Court Justices Association of the City of New York, Inc.).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן